...Anny 12

פרייז 15 גראשען XIV-טער יאהרגאנג „Należytość pocztowa uiszczona gotówką" 51 (696) „Radomer-Kielcer Leben" היינט 10 זייטען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

Radom, dnia 17 Grudnia 1937 r.
ראדאם, פרייטאג י"ג טבת תרצ"ח
טעלעפאן פון רעדאקציע 18 - 15

פאראווע פארבערײ
און כעמישע פראלניע
A.
HEMPEL
פאבריק און צענטראלע אלטע שטאדט 7
פיליאלן:
זשעראמסקי 1
זשעראמסקי 21
זשעראמסקי 59
טראוגוטא 11
קעלנער צו וואשען צו 15 גר.

# ר' אברהם אליעזר ליפא דען ז"ל



פערגאנגענעם שבת פארטאגס איז געשטארבען ר' אברהם ליפא דען!

ווער דער פערשטארבענער איז געווען און וואס פאר א גרויסע ראליע ס'האט געשפילט זיין הויז אויפ'ן געביטס פון צדקה — דאס איז דער גאנצער שטאדט גוט באוואוסט. אין די מלחמה-יאהרען ווען הונגער, נויט און מגפה האבען גע- בושעוועט מיט א בייזן קראפט, איז זיין הויז געשטאנען אפען און פארזארגט אלע הונגעריגע, ליידענדע און שמאכ- טענדע. די צדקה, וואס איז ארויסגעגאנגען פון זיין הויז איז געווען אין לשמה. צווישען ר' אברהם ליפא און זיין ווייב, די צדיקת ריוועל דען, איז געגאנגען א געוועט אויף צדקה און מעשים טובים. איינער דעם צווייטען האט גע- וואלט איבערשטייגען, ס'איז פשוט געווען צו באוואונדערן דאס סבלנות און דאס גוטע הארץ פון ר' אברהם ליפא, וועלכער האט זיך קיינמאהל נישט געבייזערט און אפילו נישט רעאגירט און נישט געמאכט קיין קרומע מינע, ווען זיין ווייב די אשת חיל האט פון איהם ארויסגענומען די מלבושים און דאס איבערבעט און עס צוטיילט צווישען נויטבעדערפטיגע. דאס איז נישט קיין גוזמא, נאר אזוי רע- דען לעבעדיגע פאקטען. ער האט בלויז ארויסגענומען א תנאי, אז אין די מצוות און מעשים-טובים פון זיין ווייב זאל ער האבען א גלייכען חלק אויף יענער וועלט. ס'איז געווען וועגען דעם א דין תורה און ס'איז אויסגעשריבען געווארען א כתב, אויף וועלכען מאן און ווייב, די צוויי גוטהארציגע מענשען האבען זיך גע'חתמ'עט.

נאך פאר דער מלחמה, ווען מ'האט איינגעפרישט די שוהל, איז די מזרח-וואנד געבליבען נישט פערענדיגט. אין דער צווישען-צייט איז אויסגעבראכען די קריעג און די רושטאוואניע איז געבליבען שטעהן אין שוהל, פערשטע- לענדיג די גאנצע מזרח-וואנד. דאס האט אזוי געדויערט גאנצע חדשים, ביז ר' אברהם ליפא האט מיט זיין אייגען געלד געלאזט פערענדיגען דעם רע- מאנט, וואס האט דאן געקאסט א גרויסע סומע. ער איז געווען אויך דער- וואס האט פינאנסירט די ערשטע חלוצישע פערמע אויף דער זאמלינע, וואו די ראדאמער נאציאנאלע יודישע יוגענד האט בעארבייט די ערד און פער- פלאנצט פערשידענע ירקות, דורכמאכענדיג די ערשטע הכשרה אויף עולה צו זיין קיין ארץ ישראל.

ערשט יענע וואך האבען צוויי ראדאמער יונגעלייט ראָ- זענבערג און לאנדוי געשריבען א בריעף צו זייערע עלטערן, וואו זיי גיבען איבער, אז בעזוכענדיג די צענטראלע פון קרן קימת אין ירושלים, אין דער ביורא פון ציוניסטישען מנהיג און דירעקטאר פון קק"ל, מנחם מענדעל אוסישקין, האבען זיי געפונען פערשריבען אין דעם ספר הזהב דעם נאמען פון ר' אברהם ליפא דען, וואס האט געמאכט אויף זיי א גרויסען איינדרוק.

אין יענע צייטען, ווען דאס הויז פון ר' אברהם ליפא דען האט געהאט אברהם אבינו'ס אפענע טהירען פון אלע זייטען, איז ער גאנצע טעג ארומגעפארען מיט זיין ברישקע בעלאדענט מיט פראוויאנט און מיט נאך אנדערע גוטע זאכען אלס מתנות אויף ברית'ען און חתונות ביי ארימע מענשען. א סך יונגע חתנים א פויערגעהענדיג פון אונטער דער חופה, האט ער ערטיילט קרעדיט צום האנדלען און געמאכט פון זיי סוחרים, אז זיי זאלען זיך קענען אליין מפרנס זיין בכבוד.

א סך, זעהר א סך שבחים לאזט זיך נאכזאגען דעם דאָ- זיגען איידעלען מענש און וואריעמער יוד. עס איז שווער דא אלע אויסצורעכענען. מיר ווילען נאר צוגעבען איין פרט. אין זיינע הייזער וואהנען ביז'ן היינטיגען טאג ארימע מענשען, וואס צאהלען נישט קיין דירה-געלד און ער האט געגען זיי קיינמאהל נישט אנגע- ווענדעט קיין רעפרעסיווע מיטלען.

* * *

זונטאג איז פארגעקומען די לויה. נישט געקוקט אויפ'ן שלאקס רעגען האבען געשטרומט טויזענדטער מענשען פון אלע עקען שטאדט, כדי אפצוגעבען איהם דעם לעצטען כבוד. מ'האט איהם געטראגען איבער'ן גאנצען וועג פון זיין וואה- נונג פון מאלטשעווסקי 9 ביז צו דער שוהל. פאראויס זענען געגאנגען די קינדער פון ביידע תלמוד-תורות, די קינדער פון בית-יתומים און אויסגערופען דעם „צדק לפניו יהלך". נאך זיי זענען געגאנגען די אלטע לייט פון מושב- זקנים און צום סוף האט זיך געצויגען א ריזיגער עולם פון אלע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג. אויף דער שפיטאלנע גאס האט זיך דער לויה- צוג אפגעשטעלט און מ'האט דעם נפטר אריינגענומען אין הויף פון זיין בית- מדרש. דארט האט איהם מספיד געווען דער מורה הוראה ר' אפרים יורמאן.

ענדע 10 - טע זייט

ווילט איהר האבען קלארע, זויבערע וועש, נייע גארדעראבעס, שניי-ווייסע פארהאנגען,
גיעט נאר צו וואשען און פארבען אין דער בעקאנטער
כעמישער פארבערײ און פראלניע פון דער ערשטקלאסיגער פירמע

A. HEMPEL

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס'האט זיך ניט איבערציינגט זאל פרובן און וועט זיין ענטציקט פון דער שנעלער, עסטעטישער און פאכמענישער ארבייט. ס'ווערט אויך געוואשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען! — פינקטליכע אויספיהרונג סאלידע בעהאנדלונג קומט און איבערציינגט אייך
צענטראלע: אלטע שטאדט 7 אפיצ. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראמסקי 1, טראוגוטא 11
זשעראמסקי 21, זשעראמסקי 59

ביליג צו וואשען סאפעלושן

פון דער צווייטער זייט ים שיקען מיר איבער א טיפען און הארציגען מיטגעפיהל דעם חשוב'ען, איניציאטיהפולען פרעזעס פון דער ראדאמער יודישער קהלה און פון שפיטאל-ראט

ה' מרדכי דען

צוליב דעם גרויסען און שמערצליכען פערלוסט דורכ'ן טויט פון זיין ליבען און טייערען פאטער

# ר' אברהם ליפא דען נ. ע.

זאל ער א טרייסט געפונען אין זיין מיהפולער, איבערגעגעבענער ארבייט לטובת אונזערע ראדאמער ברידער און שוועסטער

## דער אלגעמיינער ראדאמער רעליעף אין ניו-יארק

וועלכער נעמט ארום פאלגענדע סאסייטעס:

First Radomer congregation
Indep. Radomer Lad Aid society
Radomer Culture Center Inc
Radomer Br. 369 Workmen's Circle
Radomer Br 22
Radomer Br. 378 W. C.

---

בזה הננו מביעים את רגשי השתתפותנו בצערו הגדול של יושב ראש השלטון הקהלה

מר מרדכי דען

במות עליו אביו היקר המצוין במעלות טובות ומדות נכונות

# ר' אברהם אליעזר ליפא נ. ע.

בעבודתו הצבורית ימצא תנחומים לנפשו והמקום ינחמהו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

## השלטון הקהלה העברית ברדום.

---

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל דעם חשוב'ען פרעזעס פון שפיטאל-ראט

ה' מרדכי דען

צוליב'ן טויט פון זיין איבעראל - געשעצטען פאטער

# ר' אברהם אליעזר ליפא דען נ. ע.

אין זיין איבערגעגעבענער ארבייט לטובת דעם שפיטאל און די יודישע קראנקע זאל ער א טרייסט געפונען.

## דער שפיטאל-ראט

אין ראדאם.

---

Wyrazy szczerego współczucia

P. PREZESOWI

## M. DENOWI

z powodu śmierci

B. P.

# OJCA JEGO

składają

Pracownicy Cegielni

p. f. „CEGŁA" na firleju

---

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

דעם פרעזעס מרדכי דען

צוליב'ן טויט פון זיין

# פאטער נ. ע.

זאל ער א טרייסט געפינען אין זיין געזעלשאפטליכע ארבייט

די פערוואלטונג פון בית-יתומים און מושב-זקנים

אין ראדאם.

---

Członkini naszej

p. J. DENOWEJ oraz Jej MĘŻOWI

najszczersze współczucia z powodu śmierci

B. P.

# Ojca ICH

wyrażą „CHINUCH - JELUDIM"

w Radomiu.

B. P.

# E. SZ. MIŃSKA

**zmarła dnia 12/XII r. b. po długiej, ciężkiej chorobie w wieku lat 91, odprowadzona na miejsce wiecznego spoczynku dnia 14/XII b. r.**

Wszytkim tym, którzy brali udział w odprowadzeniu drogich nam zwłok ukochanej naszej MATKI, okazując w chwilach dla nas ciężkich tyle serca i współczucia, składają szczere podziękowanie pogrążeni w głębokim smutku

SYNOWIE MIŃSCY.

---

**Głęboko wzruszeni śmiercią**

**B. P.**

## Salomei Mińskiej

**wyrażamy nasze współczucie**

ZAJDENSZNIROWIE

**Zamiast kwiatów składamy 10 zł. na rzecz Domu Sierot w Radomiu.**

Ofiarowana kwota jest do odebrania w Redakcji

---

Pozostałym w głębokim smutku

Panom Doktorom MINSKIM

**po śmierci najukochanszej MATKI ICH**

**B. P.**

## E. Sz. MINSKIEJ

**Wyrażają koleżeńskie współczucie**

*Dr-stwo Hertz*

**Zamiast kwiatów ofiarujemy 10 zł. na rzecz Domu Sierot.**

Ofiarowana kwota jest do odebrania w Redakcji

---

**Wyrazy szczerego współczucia**

**p. Prezesowi M. DENOWI oraz Rodzinie z powodu śmierci**

**B. P.** **Ojca Ich**

wyrażają

Eljazsostwo Lastman

---

**Wyrazy szczerego współczucia**

Dr-om L. MINSKI i J. MINSKI

**z powodu śmierci**

**B. P.** **MATKI ICH**

składają

*Mendelsonowie*

---

ביום שבת קודש פ׳ ויגש תרצ״ח הלך לעולמו

האיש המפורסם והישר באדם

## ר׳ אברהם אליעזר ליפא הכהן דען נ. ע.

בשנת ע״ז לחייו

הלויה היתה ביום א׳ ה׳ טבת בשעה 12 בצ.

את זה מודיעים המקוננים ושרוים בצערם העמוק

**בניו, בנותיו, חתניו, חותניו ונכדיו.**

---

**Pogrążonej w głębokim smutku**

**Rodzinie DEN**

**z powodu śmierci ICH OJCA i mojego WUJKA**

**B. P.** **A. L. DENA**

**wyrażają najszczersze współczucie**

Gerszon Den z narzeczoną

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל

דריקען מיר אויס דער פאמיליע דען

צוליב׳ן טויט פון זייער הויך-געשעצטען פאטער

## ר׳ אברהם ליפא נ. ע.

בנחמת ציון ינוחמו ולא יוסיפו לדאבה עוד

יוסף בלאס און פאמיליע

מיר בעווײנען דעם טויט פון אונזער טײערען
קײנמאָהל נישט פערגעסענעם פעטער

# ר׳ אברהם ליפּע דען נ. ע.

(דער אײנציגער ברודער פון אונזער טאַטען ע״ה)

מיר בעטײליגען זיך אין גרויסען צער צוזאַמען מיט אלע זיהן און טעכטער
און דריקען זיי אויס אונזערע הערצינגסטע טרייסט געפיהלען

משה מאיר דען מיט דער פאמיליע
בן - ציון דען מיט זײן פאמיליע

---

דעם ג׳ פרעזעס מ. דען
צוליב׳ן טויט פון זײן פאָטער

# ר׳ אברהם ליפּא נ. ע.

דריקט אויס מיטגעפיהל
די פערוואַלטונג פון יודישען האַנדווערקער-פערבאַנד
אין ראַדאָם רוײַנסקא 1
קולטור-קאָמיסיע בײַם יודישען האַנדוו. פערבאַנד

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל און באַדויער דריקען מיר אויס דער חשוב׳ער
פאַמיליע דען
צוליב׳ן טויט פון זייער געליבטען און אונפערגעסליכען פ א ט ע ר

# ר׳ אברהם ליפּא נ. ע.

איהר זאָלט שוין באַהיט ווערען פון צער און זייט געטרייסט בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
פאַמיליע פישמאַן
מאַלטשעדסקי 9

---

מיין אינינסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס דעם פרעזעס פון דער קהלה און פון
שפּיטאַל-ראַט ה׳ מרדכי דען מיט זיין ברודער ירמיה
צוליב׳ן טויט פון זייער

# פ א ט ע ר נ. ע.

שמואל אײַדעלבוים

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאמיליע ד ע ן
צוליב׳ן טויט פון זייער חשוב׳ען פאַטער און שווער

# ר׳ אַברהם ליפּא נ. ע.

זאָל זיי זײן געטרייסט און נישט וויסען מעהר פון קײן צער
מ. וואַרשאוער און פאמיליע

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס
דעם געעהרטען פרעזעס פון דער קהלה
ה׳ מרדכי דען און דעם ה׳ ראזענבוים מיט זײן פרוי
צוליב׳ן טויט פון זייער ליבען פאָטער און שווער

# ר׳ אברהם ליפּע דען נ. ע.

איהר זאָלט געפונען א טרייסט און אייער גרויסען צער.
משה וואודקע

---

מיין אויפריכטיגען מיטגעפיהל דריק איך אויס דעם געעהרטען פרעזעס
ה׳ מרדכי דען צוליב׳ן טויט פון זײן אונפערגעסליכען פ אָ ט ע ר

# ר׳ אברהם אליעזר ליפּא דען נ. ע.

זייט געטרייסט אין אייער טיכטיגער געזעלשאפטליכער ארבייט.
משה פוקס.
קאָרעספאָנדענט-סעקרעטאר פון פעראייניגטען ראַדאָמער רעליעף אין ניו-יאָרק פאַרטרעטונג אין ראַדאָם

---

איך דריק אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל דעם חשוב׳ן פרעזעס מרדכי דען
צוליב׳ן טויט פון זײן געשעצטען

# פ א ט ע ר נ. ע.

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים
פנחס זילבערשטײַן (געגנלעגר)

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל אונזער געערטען מיטגליד
ה׳ מ ר ד כ י ד ע ן
צוליב׳ן טויט פון זיין פאָטער

# ר׳ אברהם ליפּע דעז נ. ע.

אין זיין געזעלשאַפטליכע ארבייט זאָל ער א טרייסט געפונען
דער ראַדאָמער 15-ער קאָמיטעט בײַם רעליעף
פון די ראַדאָמער לאַנדסלײַט אין ניו - יאָרק

---

אלס געוועזענער גבאי און מתפלל
אין בית-המדרש פון ר׳ אברהם ליפּע דען
דריק איך אויס דעם מיטגעפיהל דעם פרעזעס
מרדכי דען מיט זיינע שוועסטערען, ברידער און די איידעמס
לײַביל גאָלדפאַרב און וואָלף ראָזענבוים
צוליב׳ן טויט פון זייער פאָטער און שווער

# ר׳ אברהם ליפּא נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים
שלמה בעלזבערג און פרוי

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דעם געעהרטען פרעזעס ה׳ מרדכי דען
צוליב׳ן טויט פון זיין טייערען און אונפערגעסליכען פ אָ ט ע ר

# ר׳ אברהם אליעזר ליפּא נ. ע

אין זיין אונערמידליכער קרישטאַל-ריינער געזעלשאַפטליכער ארבייט
זאָל ער א טרייסט געפינען.
דאָס ביוראָ-פערסאָנאַל פון דער יודישער גמינע
אין ראדאם.

---

אין נאָמען פון אלע מתפללים פון בית-המדרש
של ר׳ אַברהם ליפּע דען ז״ל,
דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל דער גאַנצער משפחה ד ע ן
צוליב׳ן טויט פון זייער חשוב׳ען און אנגעזעהענעם פ אָ ט ע ר

# ר׳ אברהם ליפּע נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים
די גבאים
הירשעל פישמאַן און ישעי׳ מענדעל ראָזענבלאַט

---

מעומק הלב אנו משתתפים בצערם הגדול
של יו״ר של הקהלה העברית מר מרדכי דען ומשפחתו
למות עליהם אביהם היקר

# ר׳ אברהם ליפּא נ. ע.

תנחומים ימצא בעבודתו הצבורית האמונה
זה זמן בביר לא הי׳ יו״ר עוסק באמונה כמוהו
הגבאים דבית המדרש הגדול.
הירשל הירשענהאָרן, יעקב שאפּיר, פּנחס בירענבוים,
משה וויינטרויב, שמרי׳ בערמאַן, אברהם רוטמאַן

---

משתתפים אנו בצערו של חברנו, יו״ר דקהלתנו
מר מרדכי דעז
למות עליו אביו הנכבד, אהוב לבריות

# ר׳ אַברהם אליעזר ליפּא נ. ע.

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים
חברה קדישה
בּרדום

---

הננו מביעים את רגשי-השתתפותנו בצער העמק של יו״ר הקהלה העברית
מרדכי ד ע ן ומשפחתו למות עליהם

# א ב י ה ם נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים
שמשים מבית הכנסת הגדול ומבית המדרש הגדול ברדום

